LIVING TORAH

# חג השבועות

## בס"ד. משיחת י"ט כסלו ה'תשמ"ב

**הנחה פרטית בלתי מוגה**

"אנכי ה' אלקיך אשר הוצאתיך מארץ מצרים", וואס ס'איז דאך ידוע אין דערויף די שאלה וואס עס שטייט ניט "אשר ברא שמים וארץ", ווי געבראכט אין מפרשי התורה די שאלה בזה,

איז דא אין דערויף די הדגשה גלייך אין דעם המשך הדברים "אשר הוצאתיך מארץ מצרים",

וואס דאס איז א דבר והיפוכו: ס'איז "אנכי ה"א", דער ענין פון אלקות, און **אחדות** אין אלקות, און מ'זאגט גלייך דעם היפך – "אשר הוצאתיך מארמ"צ".

וואס דאס איז אויך איינע פון די הסברות, פארוואס מ'זאגט ניט "אשר ברא שמים וארץ" – דאס איז ניט קיין דבר והיפוכו: בשעת מ'זאגט "אנכי ה"א", און ענינו וואס ס'איז אויך "ברא שמים וארץ" – איז דאס נאך אן ענין, ס'איז אבער ניט קיין דבר הפכי;

בשעת מ'זאגט די מציאות פון "ארץ מצרים" און ארץ מצרים שטייט אין אזא אופן אז עס דארף זיין "הוצאתיך מארמ"צ", אין אן אופן וואס זי איז געווען א מושל בכיפה, בכל העולם כולו, האט ער געדארפט פירן לויט "דינא דמלכותא" פון ארץ מצרים, וואס דאס איז געווען דער "מקולקל שבאומות", כמאמר חז"ל בכ"מ,

מ'שטעלט זייביידע צוזאמען, אין דעם זעלבן פסוק, אין דעם זעלבן המשך, און ניט מ'זאגט אז ס'איז צוויי ענינים און צוויי פסוקים, נאר מ'מאכט דערפון איין זאך אז "אנכי ה"א" איז פארבונדן מיט "אשר הוצאתיך מארמ"צ",

אז ניט ס'איז דא צוויי ענינים, "אנכי ה"א", און דאס איז נלחם אין "ארץ מצרים" כביכול, אויף וויפיל ס'איז שייך זאגן דא דעם לשון פון מלחמה, און מ'איז דאס מנצח – נאר מ'מאכט דערפון שלום, איין זאך: מ'נעמט ארץ מצרים און מ'מאכט דערפון "הוצאתיך מארץ מצרים",

וואס עד"ז איז אויך בנוגע צו כללות המעמד ומצב פון א אידן למטה, וואס דאס איז דאך א נשמה בגוף, וואס די נשמה קומט אראפ מאיגרא רמה לבירא עמיקתא, בלשון הגמרא חצובה (אדער חקוקה) תחת כסא הכבוד, און זי קומט אראפ אין עוה"ז התחתון שאין תחתון למטה הימנו, איז דאך גאר ניטא קיין גרעסערער און טיפערע נידעריקע גלות ווי דאס קען זיין,

פרעגט מען דאך "למה עשה הוי'", צו אט דעם גאנצן ענין,

איז אט דאס זאגט מען, "אנכי ה"א אשר הוצאתיך מארמ"צ", דער אויבערשטער האט געמאכט "ארץ מצרים"; די כוונה בזה איז געווען – כדי מצרים, נאך דערויף וואס דאס איז לכאורה מקולקל שבאומות, און ברענגט אריין אין גלות כל עם ישראל, צוזאמען מיט "ישראל סבא" צוזאמען מיט "שכינתא", "אנכי ארד עמך מצרימה", וואס דאס האט דאך געזאגט דער אויבערשטער בשעת אידן זיין געגאנגען אין דעם גלות הראשון, אין גלות מצרים –



© 2003 Jewish Educational Media, Inc.

# חג השבועות

איז דאס אלץ געמאכט געווארן כדי עס זאל זיין דער "אנכי ה"א" בתכלית השלימות, ביז ווי ס'איז געווען בפעם הראשונה, ווי ער זאגט אין מדרש, אז "מכל ד' רוחות ומלמעלה ומלמטה" איז "שור לא געה און צפור לא צפצף", די גאנצע וועלט האט געשוויגן און האט געהערט, און איז דורכגענומען געווארן מיטן ענין פון "אנכי ה"א", כאמור פון אלע ד' רוחות ומלמעלה ומלמטה, און אויך די אלע ברואים וואס זיינען דעמולט געווען.

וואס דאס איז דאך אויך דער ביאור, ווי גערעדט אמאל בארוכה, וואס דער מדרש דערציילט, אז ס'איז ניט געווען קיין בת-קול. לכאורה: למאי נפק"מ, און וואס דארף מען האבן א נס וכו'?!

האט מען דאך אמאל שוין גערעדט בארוכה: דער ענין פון א "בת-קול" איז אז דער קול המדבר קומט צו א דבר המונע, און דער דבר המונע קלאפט דאס אפ אויף צוריק;

בשעת דער דבר המונע ווערט אויס מונע, נאר ער איז קולט אין זיך דעם דיבור, ביז וואנענט אז ער ווערט איין זאך מיטן דיבור – אט דעמולט איז ניט שייך די מציאות פון "בת-קול".

און דאס איז געווען דער אויפטו פון עשה"ד, אנהויבנדיק מיטן ערשטן דיבור – אז ס'איז געווען אזא דיבור אז ס'איז ניט געווען שייך קיין "בת-קול", ווארום דער דיבור האט פועל געווען פעולתו, אז דער וואס האט דערהערט "אנכי ה"א" איז ער געווארן אויס מציאות פאר-זיך,

ווארום ער האט דערפילט, און דאס האט אים אינגאנצן דורכגענומען, אז "מאמיתת המצאו נמצאו כל הנמצאים", אז דאס איז מערניט די מציאות, "אין עוד מלבדו", די מציאות פון "אנכי", וואס ער קומט אראפ אין "הוי'", וואס ער קומט אראפ אין "אלקיך", בעל הכחות כולם, כוחך וחיותך.

וואס צוליב דערויף איז די נשמה אראפגעקומען לבירא עמיקתא, אז דער אויבערשטער באשאפט א "בור", און דער בור באשאפט ער אז עס זאל זיין אין אים אויך א מקום וואס ער איז א בור **עמוק**, און דאס אלץ איז אז כדי דוקא מ'זאל מאכן דעם שלום פון כל הענינים כולם,

ביז וואנענט אז פון אלע זייטן וועט גיין דער קול, וועט מען הערן, און אויך גיין, דער קול פון "אנכי ה' אלקיך".



© 2003 Jewish Educational Media, Inc.